33207
N.L.C. - B.N.C.
3 3286 06170673 1

# בליצען




פון "פאוס קליין אטנשטלע"

יחזקאל א. מ. בראנשטיין

Can.- Brownstone, Isaac
A.M.

# בליטצען...

פון

## דאס קליין מענשעלע

(יחזקאל א. מ. בראנשטיין)

דאָס פארליגענדע ביכעל, דאָס קינד פון מיין גייסט, דאָס ערשטלינג פון מיין שאַפען, ווידמע איך מיינע חברים און בעסטע פריינד פון מיין גאנץ לעבען מ. מיללער און א. מענטעל.

דאָס קליין מענשעלע

דאס איד. ווארט

# אינהאלט

## 1. פראזא


1. צו מיין צוואנציג יאָהריגען געבורטסטאָג — 5
2. צווישען צוויי וועלטען — 7
3. דאָס לעצטע וואָרט — 9
4. דער סוד פון לעבען — 11
5. דער לעבעדיגער מת — 13
6. דער שטומער פויער — 20
7. פראגמענט (אוים מיין טאג־בוך) — 24


## 2. געמישטע ליעדער


1. זיין אדער ניט זיין — 27
2. וועלט און מענש — 28
3. א קאמפראמיס מיט די זונען שטראהלען — 29
4. נאכט — 30
5. צו מיין שאטען — 31
6. ביי דער שיין פון דער לבנה — 32
7. דער פעלד ארבייטער — 33
8. צו מיין פאָלק — 34
9. א געבעט * * * — 35
10. קום מיין ליעבינקע — 36
11. דער אויביגער וואנדערער — 37
12. צו וואָס זיך יאגט — 38
13. צו א מיידעל — 39
14. עס רופט א שטימע — 40
16. איינזאם אליין — 41
17. * * * — 42
18. דער בעאבאכטער — 43
19. א צוקונפטס בילד — 44
21. צום גלויבען * * * — 45
22. מיין הארץ — 46
23. צום לעבען — 47
24. דער מוזיקאנט — 48

PJ5054
B76
B65
1917

Copyright 1917
by
Isaac A. M. Brownstone
(Applied forward to Ottawa)

## צו מיין צוואנציג יאָהריגען געבורטסטאג.

ס'האָט מיך וועד אין א טויט-לעבעדיג שטיק מאטעריע פערוואנדעלט און וואָס אין מיר אריינגעבלאָזען וועלכעס נאָגט, ציהט, פיהלט, בענקט, שטרעבט, ליידט און פּלאָגט מיך פאר דער גאנצער צייט פון מיין אונגליקליך-גליקליכען „זיין".

מיט דער אונבעמערקבארער שנעלקייט פון א בליץ האָט מיר וועד געפיהרט דורך די פערשיעדענע „חדרים" פון בלינדען „זיין" און מיר ענדליך דערפיהרט צו דער הויף פון צוואנציגסטען עטאזש פון לעבען....

אצינד שטעה איך אויפ'ן קבר פון מיין צוואנציג-יאָהריגען „זיין" און בליק יאוש'דיג ארונטער צו דעם „תהום" פון מיין פערגאנגענהייט און זוך דאָרט דעם „זין" און צוועק פון מיין „זיין" וועלכער האָט זיך געזאָלט פון איהר ארויסוועבען אין גאנג פון איהר ענטוויקלונג. איך זוך פּאָרש און פרעג, ביז ענדליך ס'הייסט מיר וועד אין שפּיגעל פון צייט אריינקוקען און ביי איהר ביי דער „מאדאם צייט" — פרעגען דעם ווירקליכען „זין" פון מיין „זיין".

כ'האָב אין שפּיגעל פון דער צייט מיט מיינע אויגען זיך איינגעגעסען, און וואו נאָר איך האָב זיך מיט מיין פראגע צו איהר — דער „מאדאם צייט" — זיך געווענדעט, האָט מיר וועד אריינגעפיהרט אין לאנד פון דער צוקונפט, אין וועמענס ברילען מ'האָט מיר געהייסען אריינקוקען, און דורך וועלכע איך האָב פאָלגענדעס געזעהען:

א שווארצע טוידטע קאלטע שטילקייט הערשט ארום און ארום, און דער פוילער ריח פון טויט דערטראגט זיך „עד לב השמים"; דער טייפעל, וואָס אין שווארצען איינגעהילט, שטעהט מיט גאוה ביים שוועל פון דיעזער וועלט פון טוידט, און שליידערט אריין, אָהן רחמנות און אָהן איין אויפהער די קרבנות פון לעבען אין דיעזען אונענדליכען ים פון טוידט...

כ'האָב לאנג אהין ניט געקענט קוקען, ווייל מיין הארץ האָט אין מיר אנגעהויבען חלש'ן פאר שרעק, און כ'האָב די ברילען פאר כעס צו דער ערד געוואָרפען — — — —

דאָס איז דער ענד ציעל פון לעבען! — — — האָט די „צייט" ענערגיש אויסרופענד צו מיר געזאָגט:

דאָס איז דער טוידט! — דער גרויסער געגענזאץ פון לעבען! און דאפיר — האָט זי מיר ווייטער געזאָגט — נוץ אוים די

25. * * * — — — — — — — — — — — — 49
26. צום שיקזאל — — — — — — — — — — — — 50
27. * * * — — — — — — — — — — — — 51
28. צו מיינע חברים קריטיקער — — — — — — — 52
29. * * * — — — — — — — — — — — — 53
30. צו א געליבטער    צו א קינד — — — — 54
31. פראגמענט — — — — — — — — — — — — 55
32. גאָט מיין גאָט — — — — — — — — — — 56
33. צום נייעם יאָהר — — — — — — — — — — 57
35. דאָס ארימע פויגעלע — — — — — — — — — 58
36. דער פאסטוך און דאָס שעפעלע — — — — — — 59
שעפפונג — — — — — — — — — — — — 60
עפיגראמען — — — — — — — — — — — 61

## צווישען צוויי וועלטען

א פינסטערער „תהו ובוהו" הערשט אויף גאָט'ס וועלט, אין סאמע מיטען וועלטען־רוים, ציהט זיך א פאָדים, וואָס פון דעם פינסטערען אבגרונד, ביז דער העכסטער טיפעניש פון דער הימלישער אונענדליכקייט...

דאָרט אויבען גאַנץ הויך ארום דעם פאָדים, וואָס האָט זיך איינגעגעסען אין דעם הארץ פון הימעל־געוועלב הענגט אויף וואָס, א הימליש שעהנע יונג־פרוי אין בלאָהען איינגעהילט, וואָס איז בעפּערעלט פון טויזענדער זילבערנע שטערענדלעך, פון וועמענס בוזים עס אטהעמט ארויס א הימליש־דופטענדע, ווייבליך־וואַרימע קיהלבליכקייט, אויף וועמעס ליפען עס רוהט א געטליכער שמייכעל.

צוויי גראהע גרויסע „עמוד־ענן" אויגען, ווינקען ליעבליך ארונטער, און צוויי ענטבלויזטע ארעמס, פון וועלכע עס זיגנט ארויס איהר גאנצער ווייבליכער רייץ, זיינען האָפנונגספול פער־שפּרייט איבער אונזער אירדיש קעפּיל.

פון אונטען גאַנץ טיעף אין דער סאמע מיט פון טיעפען פינסטערן אבגרונד, וואָס ארום דעם פאָדים, בעוועגט זיך אויף וואָס א ווייבליכע פיגור, אין שווארצען איינגעהילט, פון וועמעס „עמוד־אש" אויגען עס שטראַהלט ארויס, א שטראַהל פון ליכט, וועלכער בעזילבערט גאָט'ס וועלטיל און ווינקט מיט ליעבע ארויף גאַנץ הויך.

אין דער סאמע מיט פון טיעפען אונענדליכען וועלטען־רוים, וואָס ארום דעם פאָדים, שטראַהלט פּלוצלונג אויף א ליכ־טיגע זון, אויף וועמענס זונניגער־שוים „איך" רוה...

מיט אמאָל האָט ווער א בלאָז געטהאָן, און די זון אויף וועלכער איך האָב גערוהט, האָט ארום פאָדים זיך אָנגעהויבען דרעהען, מיט א אויסערגעוועהנליכער געשווינדקייט ארויף און אראָפּ, ארויף און אראָפּ... און מיין הארץ האָט געצויגען צוביידע וועלטען...

די יונג־פרוי וואָס פון אויבען גאנץ הויך האָט מיט איהר גאנצען ווייבליכען רייץ מיך געצויגען ארויף און ארויף....

די פרוי וואָס פון אונטען אין שווארצען איינגעהילט, האָט מיט אמאָל פאַנאַנדערגעעפענט איהרע ווייבליכע ארעמס און מיט איהר גאנצען ווייבליכען רייץ מיך געצויגען צו איהר אראָפּ און אראָפּ...

דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט... דאָס הארץ האָט געפלאַ־

„צייט" פאר'ן לעבען, ווייל דאָס לעבען איז קורץ און ניט בעשאַ-
פען פאר'ן זוכען דעם „זין" פון איהר „זיין" ווייל:

ניט אין דיין זוכען
מאַרטירער פון לעבען
וועסטו געפינען דעם „זין" פון דיין „זיין"
לעב!....
ווייל דאָס לעבען זעלבסט,
איז דער „זין" פון „לעבען"....

מערץ 27-טען 1917.

## דאָס לעצטע וואָרט
(דעם אָנדענק פון מיין אונפערגעסליכען חבר חיים ווייסמאַן)

אונטער דעם גראהען הימעל וואָס הענגט איבער די „חורבות" פון שלאכט־פעלד הערשט יעצט א טויטע שטילקייט, צובייזטע פערקרימטע געזיכטער, פון אמאָליגע מענשען.... ווער אָהן א האנד, אָהן א קאָפּ, א שולטער — קוקען יעצט ארויס פון די פערגליווערטע טייכען מענשען-בלוט, צוזאמענגעמישט מיט דעם אונשולדיגען בלוט פון פערד — פון וועלכע א בענקשאפט נאָך וואָס שרייט פון זיך זעלבסט ארויס, דער גרויזאמער גאָט פון טויט שוועבט יעצט זיעגעריש ארום מיט עקעלהאפטען שטאלץ איבער די אלע קרבנות פון קריעג, און שאנעוועט ניט קיין טאַטען פון קינדער, קיין מאמעס קינדער, און פערניכטעט אזוי אונרחמנות'דיג אזוי פיעל יונגע לעבענס, וואו ניט וואו מערקט זיך א שווארצער פויגעל מיט א לאנגען שנאָבעל וועלכער פיקט שוין מיט גרויס הנאה די לייבער פון די טוידטע און בלוט אויסגעווייקטע מענשען־קינדער, און שא און שטיל איז ארום, און עס דאכט זיך אז נאָר טויט.. און טויט... הערשט ארום און ארום.

חיים'ל דער איין און צוואנציג יאָהריגער פּאָעט וועלכער איז ווי א טויטער ביז יעצט אין א פערוואָרפענעם פינסטערען גרוב געלעגען, צווישען אונצעהליגע טויטע „נבלות" האָט מיט אמאָל פון זיין לאנגען שלאף ערוואכט, און דערפיהלענדיג דעם טיעפען שמערץ פון זיין איידעלער נשמה... ווי אויך דאָס דערנעהענטערען זיך פון זיין טויט האָט ער מיט שמערץ, מיט זיינע האלב־טויטע ליפען דאָס פאָלגענדע געזאָגט:

---

אך, ווי דום און נאריש איך בין געוועזען ווען דער לעבענס-רוף האָט שטורמיש געקלאפט אין מיין טהיר....

פער'חלום'ט, פערזאָרגט און פערטראכט... האָב איך אימער געוועבט און געבויט און צובראכען אלץ נייע און נייע אידעאלען....

אין חקירות פערזונקען ביי טאָג און ביי נאכט האָב איך איינזאם פערבראכט מיינע יאָהרען... אוי מיינע וואונדען!... מיינע וואונדען!...

כ'האָב געטרוימט... אוי געטרוימט! פון עפּעס א שעהנער אידעאלער וועלט וועלכע האָט געזאָלט זיין דער צוועק פון מיין „זיין"... און מיט אמאָל אוי געוואלד! מיט א מאָל... האָט דער ווילדער, אונמענשליכער וועלט-בראנד אויסגעבראכען, און א פינס־

מערט, און די „נשמה" האָט געצויגען, מיט איין און דערזעלבער קראפט, ארויף און אראפ, ארויף און אראפ.... און אָט האָט זיך געדאכט, ווער איך פון דער פרוי וואָס פון אויבען בעזיעגט, און ווידער פון דער וואָס פון אונטען.....

אזוי האָבען זיך געצויגען לאנגע און לאנגע מינוטען ביז ענדליך איך האָב דעם קאָנטראָל איבער זיך פערלוירען, און מיט אמאָל אוי־וועה! האָט וואָס אין מיין מח געפּלאצט. ווער האָט דעם פאָדים איבערגעריסען און טראַך! איך בין שוין ארונטערגעפאלען גלייך אין די ארעמס פון דער פרוי וואָס פון אונטען אין שווארצען איינגעהילט, אויף וועמעס ברוסט איך האָב ערוואכט...

מערץ 21־טען 1917.

# דער סוד פון לעבען

(פראגמענט)

אויס מיין טאג־בוך.

...די גאנצע מענשהייט איז בעהעפט אין איין פינסטערן וועלט־טהייל, איבער וועלכען עס הענגט א סאמעט בלאהער הי־מעל, און א טוידטע שטילקייט הערשט איוף גאט׳ס וועלטעל.

מיט א מאל ווער „איך" ווי פון א געהיימער האנד, ארויס־געריסען פון אט דער מיליאנען-קעפיגער מאסע און מיט דער קראפט פון אונזעהבארע פליגלען, פליה איך אלץ העכער און הע־כער ארויף, און וועהרענד מיין שטייגען, צינדען זיך אלץ אן, טויזענטער און טייזענטער אונצעהליגע הימלישע ליכטער, ביז ווען איך האב ענדליך דערגרייכט דעם שפיץ פון א הויכען ריעזיגען בארג וועלכער האט מיט זיין הויכקייט כמעט ווי בעריהרט דעם הימעלס הארץ, האט זיך דער גאנצער הימעל מיט דער שנעלקייט פון א בליץ, אנגעצונדען אין איין גלוטיג רויטען פייער, און ווען כ׳האב זיך ענדליך אויפ׳ן שפיץ פון דיעזען ריעזיגען הויכען בארג אבגעשטעלט, האט אן אונבעקאנטע שטימע, מיט א פייער־שפיי־ענדען קול — וועלכער האט אויפגעשוידערט דעם גאנצען הימעל־געוועלב דורך דאס קראכען פון א דונער, מיט פייער אויסגערופען;

דאס איז ער! דאס איז ער!
דער ענטפלעקער פון „אמת"
נאך וועלכען איהר גארט שוין —
יאהר־טויזענדער לאנג;
פאלט ניעדער פאר דיעזען —
ערהאבענעם זעהער,
און לאז ער ענטפלעקען
פאר אייך דיעזען סוד!...

— ס׳האט לאנג ניט גענומען און די גרויסע, גרויסע מענ־שען־מאסע איז אויף די קניה ווי איין מענש געפאלען, און עס האט זיך גערדאכט אז הימעל און ערד, און אלעס וואס נאר אויף דער וועלט, די גאנצע נאטור! איז פעראייניגט געווארען אין איין טויט־לעבעדיג אטעמלאז שטומען הייליגען געגענשטאנד, וועלכער האט מיט דער געהארכזאמקייט פון א אויסערגעוועהנליך שטיל קינד אויפמערקזאם זיך צוגעהערט צו דער רעגענדער שטימע פון

טערע, אוי געוואלד! — א פינסטערע מאכט, האָט מיך מיט דער קראפט פון א ווילדער חיה אוועקגערויבט פון מיין שטילען ליעבען, עהרליך־איינזאמען שטרעבען, און פערפיהרט, אוי גוואלד פערפיהרט אין דיעזען בלוטענדען קערקער!...

אוי מיינע כחות.. מיינע כחות.. וואָס פּלאָגט איהר מיך.. אזוי שרעקליך?... פער—לאָזט מיך ליעבער.. אוי — פער—לאָזט מיך, און.. לאָזט מיך וואָס גיכער דעם טויט.. דעם טויט.. מיין בעפ—ריי—ער.. בעגעגענען, ווייל, ווייל... ני—טא, ני—טא מעהר קיין כ—ח.. א פלוך.. צו—א—יי—ך א פלוך צו איי—ך.. יא — א פלוך....

---

ס'האָט פון וואו! א מזרח־ווינטעל א בלאָז געטהאָן וועלכעס האָט מיט זיך מיטגענומען די עהרליכע נשמה פון חיים'ל דעם אונשולדיגען יונגען פּאָעט אין לאנד פון אויביגער פערגעסען־הייט....

.1917 פעב.

## דער לעבעדיגער מת

דאָס איז געווען אין א פראָסטיגען דעצעמבער טאָג, גרויע וואלקענס האָבען איינגעהילט דעם גאנצען וועלט-רוים, און זילבער ווייסע שנייעלאך האָבען זיך אונענדליך געשאָטען פון דער טיעפער אונענדליכער הויכקייט, און זיך מיט א אונגעהויערער שנעלקייט טאנצענדיג געווירבעלט, אוועקגעלעגט און איינגעפרעסט זיך איינס אין אנדערען אויף דער שויס פון אונזער מוטער־ערד. א שטורם'דיגער בייזער קאלטער־ווינד האָט מאָנאָטאָן געוואויעט פון אלע זייטען און מיט זיך מיטגעבראכט הויפענס-שניי און ערטערווייז זיי איבערגעלאָזען אין קליינינקע ברייטע, לאנג-עקיגע נידעריגע בערגלאך און אונערמיעדליך ווייטער געטרויסט און געהורזשעט אין איינטאָניג זיך א ליעדעל געפייפט איבער גאָטס וועלטיל....

די קליינינקע מענשען־קינדער זיינען זיך איילִיג געגאנגען יעדער זיין גאנג, די פון פראָסט אויסגעטריקענטע און שניי איינגעטונקענע הילצערנע טראָטואַרען וואָס פון אונטער זייערע פיס האָבען האַסטיג געקרעכצט און געקרעכצט....

מיט א אויסערגעוועהנליכער שנעלקייט בין איך בעזאָנדערס געלאָפען, איבער די אין ווייסען־שניי איינגעהילטע גאסען, און א מיעדער א האלב-דערפרוירענער בין איך קוים א לעבעדיגער אין הויז אריין, קוים האָב איך זיך נאָר דערוואָרימט האָב איך א שרעקליכען וועהטאָג דערפיהלט אונטער מיין הארצען, און נאָך גרוים מאטערנים איז מיר מיט דער הילף פון מיין טרייער מוטער ענדליך געלונגען זיך אוסצוטהאָן, און מיט איין אויסדרוק פון שמערץ האָב איך זיך מיט א ביטערען קרעכץ אין בעט אריינגעלעגט.

א קאָנוואולסיווע קעלט, דערנאָך א היץ — האָט מיך פון קאָפּ ביז די פיס ארומגענומען, און נאָך פיעל מאטערנים בין איך ענדליך פערזונקען אין א טיעפען טיעפען שלאָף.. — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

— א —

...ס'איז פינסטער און קאלט ארום מיר, עפּעס פיהל איך זיך ווי געפּענטעט אין א ענגער שמאָלער זאך... פון אלע זייטען דריקט מיך אונערטרעגליך זעהר, זעהר ניט אנגענעהם... און איבער זיך פיהל איך א שווערע זעהר שווערע משא, אויף די אויגען עטוואָס גלאטעס מיט שארפע שפּיציגע ברעגען, איך פּרוב זיך ריהרען, נאָר איך פיהל זיך ווי געפּענטעט איבער'ן גאנצען גוף... א

כארג וועלכע האָט פון מיר מיט זיכערהייט און געמליכער קראפט ארויסגעשריען

זאָל הימעל און ערד
פערנעהמען מיין שטימע
און אלעס וואָס לעבט
צוהערען מיין קול
דען איך וויל ענטפלעקען
דעם סוד פון דעם לעבען
וואָס ווער האָט דער וועלט
זייט יאָהרען געגעבען —

ווען כ'האָב געהאלטען ביי דיזע אויבענדערמאָהנטע ווער־טער, בין איך מיט אמאָל פון בארג אראבגעפאלען און ווי פון א חלום ערוואכט, א דערשראקענער ליגענדיג אויף מיין בעטעל וואָס נעבען פענסטער, דורך וועלכען דער טאָג האָט צו מיר הערליך ארייגעקוקט...

מערץ 8־טען 1917.

שפיטאל? נאָר וואָס רייד איך? אין די שפיטאָלען איז דאָך אזוי ווארים און גראם, און היינט די פעלדשערינס וואָס דרעהען זיך דאָרט אימער אַרום, זיינען דאָך אזוי פיעל אין צאָהל! און א חוץ דעם אימער און אימער אויף. און איך! נור איך אונגליקליכער! האָב נאָך איינע ניט געזעהען, ניט געפיהלט אפילו איהרע ווייבליכע בליקען אויף מיין קראנקען געזיכט און זאָגאר קיין שארף פון א מענשען, די גאנצע צייט וואָס איך בין אויף, ניט געהערט.

מיט אמאָל האָב איך זיך ווי פאר עפּעס אויסערגעוועהנליכעם דערשראקען און אַנגעהויבען שרייען מאמע! מאמע! — הויך אויף א קול, צו מיין טיעפען, טיעפען שמערץ, האָב איך אבער נאָר דעם ווארימען צוריקפאל פון מיין אייגענער שטימע דערפיהלט, א גאָט! וואו בין איך?! וואו בין איך?! — האָב איך זיך פלוצלונג ווי ערוואכענדיג פון שלאָף, מיט שמערץ געפרעגט, און אויסגעבראכען אין א ביטער שמערצליך יאמער-געוויין, א וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? דאָס ווייסע אין וועלכען כ'בין איינגעהילט? א! האָב איך פערצווייפעלט אויסגערופען, — וואו נעהמט מען כח דאָס אריבערצוטראָגען, דאָס איז דאָך טויטען-געוואנד אין וועלכען איך בין איינגעהילט! א יעצט ווייס איך! יעצט ווייס איך, דעם סוד פון אייער טייפלישער ארבייט, איהר שקלאָפען פון לעבען! א אה! דאָס האָט איהר מיך פון לעבען אין קבר פעריאגט! א גאָט! איך ליעג דאָך אין א קאלטען פינסטערען קבר, האָב איך ווידער מיט פערצווייפלונג אויסגעשריען און אויפסניי אין א יאָמערליך שמערצליך געוויין אויסגעבראכען, נור געווג! געווג! האָב איך ווי פון היץ מיט פערדרוס נערוועז אויסגערופען — גענוג טראכטען, איך מוז אנשטרענגען אלע מיינע קרעפטען און ארויס! ארויס פון דיעזען פנסטערען גרוב, אום מיט מיין עקזיסטענץ זיי צו בעווייזען; די פאלשע פאָרשטעהר פון לעבען, — אויף וויפיעל פאלש, נידערטרעכטיג, און בעטריגעריש זיי זיינען אלע ווי איין.

א גאָט! א גאָט! האָב איך וויינענדיג אויסגערופען, גיט דען נאָך מעהר שוידערליכעס, מעהר נידערטרעכטיגעס אויף דער וועלט, ווי א לעבעדיגען וועזען לעבעדיגערהייט אין קבר צו בעגראבען?! ווער ווייסט? ווער ווייסט וויפיעל יונגע לעבעדיגע מענשען בלומען, די פינסטערע טייוואָלים פון „לעבען“, האָבען אין גאנג פון לעבען אין פינסטערען קבר פעריאגט?! נור גענוג! גענוג טראכטען און פלוכען. צו דער ארבייט... צו דער ארבייט..!

נאָך פיעל אנשטרענגונג איז מיר ענדליך געלונגען פון ארט זיך אביסעל צו ריהרען און נאָכדעם ווי כ'האָב זיך דערפיהלט א ביסעל פרייער אין מיינע טוידטען-קליידער האָב איך מיט שווערער מיה מיינע קניה א ביסעל דערהויבען און וועהרענד מיין קערפערליכער אנשטרענגונג דער דאָזיגער, האָב איך איבער זיך דערפיהלט עפּעס א שווערקייט פון א ברעט. און הרידקאָלעך פייכטע ערד האָבען ווי די שנייעלעך פון הרויסען פון קבר מיך בעשאָטען, כ'האָב מאָמענטאל זיך אביסעלע פון באָדען דערהויבען און מיט דער פו־

שוידער נעהמט מיך ארום און מאָמענטאל פיהל איך דאָס אָנקומען פון עפּעס א מאָדנע ווארימקייט וועלכע האָט ארומגענומען מיין גאנצען קערפּער. איך האָב געפּרוואווט עפענען מיינע אויגען, נאָר עטוואָס האָט מיר געשטערט און כ'האָב גאָרניט געזעהען, איך פּרוב מיינע הענד ריהרען און ווידער שטערט מיר עפּעס. וואו בין איך? — פרעג איך זיך זעלבסט, און „בשעת מעשה" פיהל איך דעם צוריקפאל פון מיין אייגענעם ווארעמען אָטהעם־הויך מיינע האָר ריהרען זיך, און שטעכען מיך ווי מיט נאָדלען פאר צער.

מיט שרעק האָב איך גענומען צוזאמענקלייבען מיינע לעצטע גייסטיגע כחות אום זיך צו עראינער'ן וואָס מיט מיר איז לעצטענס געשעהען, פערשיעדענע לעבענס בילדער אין זייער פולען פּראכט און גלאנץ, פליהען פאר מיר דורך און איך טראכט זיך —

א אה! איך וויים! איך וויים! וואָס מיט מיר איז לעצטענס געשעהען! אבער וואו איז מיין טרייע מוטער?! —

יא. יא! טראכט איך זיך אונטערטהעניג — ס'איז יעצט שפּעט אין דער נאכט, און אלע שלאָפען יעצט געוו׳ס! — ווארום אבער קען איך זיך ניט אויפהויבען? בין איך דען ווירקליך אזוי קראנק? נו און וואָס דריקט מיך אזוי אונערטרעגליך פון אלע זייטען? איך ליעג דאָך אויף מיין מוטערס קישען, ווענעמס פעדערען זי האָט אליין מיט איהרע אייגענע הענד פאר מיר אויסגעפּליקט? און וואָס איז מיר אזוי שוידערהאפט קאלט? מיין טרייע מוטער האָט דאָך מיך איינגעדעקט א חוץ דער וואטענער קאָלדרע אויך מיט איהר ווארעמען וואלענעם שאל, און.... נור גענוג! — האָב איך זיך אליין געפּרוואווט טרייסטען און בייזערען, אוועקט פון מיר בייזע חלומות, לאָזט מיך רוהיג אויסשלאָפען די נאכט אום כ'זאָל אין דער פריה — אויב כ'וועל זיין געזונד גענוג, אין צייט קענען אויפשטעהן און רוהיג אונגעשטערט פאָרטזעצען מיין טעגליכע ארבייט. כ'האָב זיך געפּרוואווט איבערדרעהען אויף א זייט, נאָר ווידער האָב איך זיך דערפיהלט ווי געפּענטעט און פון ארט זיך ניט געקענט ריהרען, נאָר וועהרענד כ'האָב מיין אנגעוועהטאָגטען קאָפּ א ריהר געטהאָן פון ארט האָט זיך עפּעס א שטיקעל שערבעל אראבגעקייקעלט פון מיין אויג אויף דער לינקער באק פון מיין געזיכט, און אזוי שנעל ווי כ'האָב מיין אויג געעפענט האָב איך פאר זיך דערזעהען עפּעס א מאָדנע געלבליכע — ווייסקייט.... —

ס'טאגט שוין געוויס — האָב איך זיך געטראכט, און אליץ נאָך געדענקט איינדרימלען, דער שארפער שטיקעל שערבעל האָט אבער מיין באק גערריקט, און ווי נאָר כ'האָב געפּרוואווט דאָס אראבנעהמען, האָב איך זיך ווידער ווי געפּענטעט דערפיהלט, און צו מיין טיעפען שמערץ גאָרניט נעקענט טהאָן, כ'האָב ווידער מיין קאָפּ אויף א האָר בעוואויגען דאָס אויג ברייטער געעפענט און א שוידערליכען שמערץ, א קעלט דערפיהלט, שוין דאכט זיך טאָג, האָב איך זיך געטראכט — און אין שטוב איז נאָך אזוי שטיל און רוהיג! וואָס איז דאָ אבער אזוי קאלט? בין איך פיליכט אין א

געמישטער שרעק און נייגעריגקייט גענומען אויפגראבען דעם קבר.

ס'האט לאנג ניט גענומען ביז זיי האבען ענדליך דערגרייכט דעם ענד־ציעל פון קבר, און בעפאר נאך זיי האבען זיך ארומגעקוקט איז שוין דער „מת” אין זיינע שניי־ווייסע „תכריכים” א לעבעדיגער פון קבר אליין ארויסשפרינגען. רויט ווי פייער האבען זיינע פון טרעהרען געשוואלענע אויגען געגלאנצט און פיעבערהאפט געברענט, ברענענד רויט און פערפלאמט, גארניט ווי ביי א טויטען זיינען זיינע באקען געווען, ווייס ווי קאלך זיינע קליידער, פון וועלכע הרידקאליך ערד האבען זיך געשאטען, אוים שרעק פאר זיך זעלבסט און פאר דער סצענע וואס ארום איהם איז ער אין אונמאכט געפאלען, פאר די פיס פון זיינע נאך יעצט אונבעקאנטע ערלעזער.

ס'האט לאנג ניט גענומען און דער „לעבעדיגער מת” איז אין „בית־הקברות” מאנס הויז אויף א סאפע געלעגען —

גענוג!־גענוג! כמוז שוין געהן, האט „דער לעבעדיגער מת” פון! בעט זיך אויפהויבענדיג — נערוועז מיט א ציטערדיגען טאן אויסגערופען. —

וואוהין? האט דער קברן פערוואונדערט איהם געפרעגט — א היים! אהיים צו מיין טרייער מוטער! — האט ער אונגעדולדיג מיט מעהר אנגעשטרענגטקייט געענטפערט — אבער רוהט זיך דא אוים איניגע טעג — האט דער קברן וויעדער כמעט ווי געבעטען זיך ביי איהם, רוהט זיך אוים, און דאן וועלען מיר אייך צוריק צו אייער מוטער אהיים פיהרען —

— אבער ניין! האט דער „לעבעדיגער מת” איבעררייסענדיג זיינע רייד ענערגיש איהם געענטפערט — ניין! ניין! איך קען דא מעהר ניט זיין! איך האס דיעזען געגענד! דיעזען פינסטערען „בית הקברות” ווייל אויך דא, ווייל אויך דא האב איך קיין רוה ניט געפונען!...

מאמע! מאמע! האט ער זיך אויפהויבענדיג העכער פון בעט וויינענדיג אויסגערופען, אך מאמע, מאמע וואוהין האט איהר מיך פערפיהרט?... וואוהין האט איהר מיך פערפיהרט?... און מאמענטאל איז ער צוריקגעפאלען, מיטן פנים זיך איינגורענדיג אין ווייסען שמוציגען קישען אויף וועלכען ער איז געלעגען...

ס'האט לאנג ניט גענומען און „חברה” האבען דעם „לעבעדיגען מת” אין א פויערשען פוטער איינגעהילט, און נאך דעם ווי זיי האבען זיך אלע אויף א ברייטען איינפאכען שליטען אויסגעזעצט וואס האט פאר'ן טהיר אויף זיי געווארט, זיינען זיי אבגעפאהרען אין שטעדטעל צום „לעבעדיגען מת” מוטערס וואוינונג, ווי נור זיי האבען דאס הויז דערגרייכט איז דער „לעבעדיגער מת” פריהער פאר אלעמען פון שליטען ארויס, און אין הויז פון זיין מוטער אין איין אטהעם אריין....

לער קראפט פון מיין גאנצען קערפער הענד און קניה זיך ליגענדיג איינגעקלעמערט אין דער הילצערנער ברעט וואָס איבער מיר, און מיט א גוואלדיגער אָנשטרענגונג זי געדריקט אלץ העכער און העכער ארויף....

ביסלעכווייז האָב איך אין מיינע הענד דערפיהלט דאָס לאנגזאמע שטייגען פונם ברעט, ביז ענדליך איך בין מיט אלע מיינע גליעדער פאר איהר צו קורץ געוואָרען, נאָך דעם ווי כ'האָב מיט זיי דערגרייכט די העכסטע הויך פון אויסציהונג, און מיט אמאָל בין איך פון איהר אין גאנצען לויז געוואָרען.

כ'האָב מאָמענטאל געפרואווט זיך אויסציהען אין דער ענגער אויסגעהוילטער הויך פון דער ערד וואָס איבער מיר, נור א אונענדליכע משא געלבליך-פייכט ליים האָט מיך פערהרעגענט, און מיט א מאָהל אזוי אונערבארעמדיג צוריקגעשטויסען, דאָס איך בין אין אהנמאכט געפאלען, און ביטערליך אָנגעהויבען וויינען און קלאָגען, וויינען און קלאָגען, און זיך געבאָדען אין א טייך פון אייגענע הייסע, בלוטיג-זודיגע טרעהרען... — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

— ב —

א גאָט! וואָס איז דאָס? די ערד פון אקארשט פריש-בעערדיגטען קבר בעוועגט זיך דאָך! — האָט א אויפמערקזאמער פערבייגעהער, ווילד ניט מיט זיין אייגענער שטימע אויסגערופען, און צוגעהענדיג נעהענטער צום דערמאָהנטען קבר, האָט ער א שפאַלט אויפ'ן הארץ פון קבר בעמערקט, פון וועלכען עס האָט ארויסגעקוקט איין עק פון א ווייסער „קבר־דעק" מיט שרעק איז ער פון קבר אבגעשפרונגען, ווען ער האָט פלוצלונג א יאמערדיג כאָרכלענדע שטימע פון דער טיעפקייט פון קבר דערהערט, און שנעל האָט ער אָנגעהויבען לויפען איבער די מיט ווייסע שטומע „מצבות" בעדעקטע, יעצט אין שנעע איינגעהילטע קברים, ביז ענדליך ער האָט דערגרייכט דעם „בית הקברות" מאנס הויז, אין א ווייל'ע ארום איז ער צוזאמען מיט איהם און נאָך איין „ערל" צום דערמאָהנטען „קבר" צוריקגעקומען, און אויפמערקזאם האָבען זיי זיך אָנגעבויגענער הייט צוגעהערט צום געשפאָלטענעם הארץ פון קבר, פון וועלכען ס'האָט יעצט ארויסגעקרעכצט א ביטערע קוים הערבארע גוססדיגע שטימע. שטום אָן ווערטער מיט א רעליגיעזער ערנסטקייט אויפן פנים אויסגעגאסען האָט דער „ערל" זיך גע'צלמ'ט אויף זיינע קניה פאר'ן קבר, — „שמע ישראל" האָט דער „קברן" מיט א טיעפער „יראת שמים" מינע אויף זיין פנים — דריי מאָל אויסגערופען, „אמן" האָט דער הריטער אלס „עדות" געענטפערט, און מיט ריסקאליעס אין זייערע הענד האָבען זיי זיך מיט איין אויסדרוק פון

„שרה העניע ברוך הירש'ס" די מארק זיצערין וואס קריגט זיך מיט אלע ווייבער, טאנצט אויף אלע חתונות און קלאגט אויף אלע לויות, האט אין א ווינקעל יעצט פאר אלע ווייבער דעם „לע־בעדיגען מת" פון א „גוט אויג" אבגעשפראכען... אפען זיינען יעצט אלע טהירען געווען און מענשען זיינען אריין און ארויס, אריין און ארויס, און אלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדעט צום „בר־מנן" דעם „לעבעדיגען מת" און ווען ער האט זיך וויע־דער אריינגעלעגט אין זיין אלט־נייעם ווארימען היימישען בעט האט ער טריאומפירענדיג זיך געווענדעט מיט א געמישטען אויס־דרוק פון פערדרוס, האס און צארן מיט איין הייזעריגער שטימע צו די ארומיגע, און יעצט, האט ער געזאגט — וועל איך מיט מיין „זיין" בעווייזען דאס פאלשקייט פון די זאגענאנטע פארשטעהער פון דעם אין שמוץ איינגעהילטען לעבען... און זיך רוהיג מיט א פערפלאמטען סארקאסטישען שמייכעל אויף זיינע ליפען אויף זיין בעט אויסגעצויגען. — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ביסלעכווייז ביסלעכווייז זיינען זיך די פרעמדע פנים'ער פון הויז צוגעגאנגען. די אייגענע און גאר נאהענטע האבען זיך נאך נעדרעהט ארום דער יעצט קראנקער מוטער וועלכע איז אויף א בענקעל יעצט, מיט מעהר זיכערהייט אז איהר איינציגער זוהן האט זיך אומגעקעהרט צו די לעבעדיגע,— געזעסען נעבען דער סאפע, און מיט ליעבע געצערטעלט איהר אויפסניי געבוירענעם זוהן.

דעצעמבער 16־טען 1916.

— ג —

ס'איז „בין-השמשות" אויף גאַטס וועלטעל, א קאַלטער טרויער הערשט אין הויז, אין א ווינקעל אויף דער ערד זיצט אין הוילע זאָקען, אין א שוואַרצען פאַרטוך, מיט א טרין — קויטיג קאָפּ טיכעל אויפן קאָפּ,— איינגעהילט די אונגליקליכע אָרימע מוטער, און טרויערט איבערן אַלטען, פון טרעהרען אויסגעפלעקטען בוך „איוב" וואָס אין איהרע ציטערדיגע הערליכע הענד — אויף איהר אקאָרשט ניט לאַנג פערשטאָרבענעם צוואַנציג יאָהריגען זוהן...

מיט אמאָל עפענט זיך האסטיג די טהיר און דער „לעבעדיגער מת" לויפט אטהעמלאָז אריין. און מיט טרעהרען אין די אויגען פאַלט ער ארויף אויף דער מוטערס האַלדז און אָהן ווערטער אומאַרעמט ער איהר, און בעגיסט איהר האַלדז מיט לעבעדיג־הייסע טרעהרען, קוים אויסשרייענדיג מאַמע.. מאַ—מע..

— מיין קינד! — האָט זי ניט גלויבענדיג איהרע אייגענע אויגען, — פערצווייפעלט אויסגעשריען, און אין חלשות געפאַלען, מענער און ווייבער פון גאַנצען געסיל זיינען מאָמענטאַל זיך אין שטוב אנגעלאָפען און מ'האָט זי קוים קוים דערמינטערט, נאָר אָט חלש'ט זי ווידער, און מ'דערמינטערט איהר ווידער אויפ'סניי...

דער גראָהער ווינטערדיגער „בין השמשות" האָט מעלאַנכאָליש אין הויז אריינגעקוקט דורך די פון פראָסט אנגעפרוירענע מיט בוים'עלעך פון א געהיימער האַנד געמאָהלענע פענסטערשויבען, און מיטגעהאָלפען בעוויינען דעם אונערוואַרטעטען אונגליקס גליק...

דאָס „יאָהר-צייט" לעמפּעל וואָס אויפ'ן פענסטער האָט טרויעריג פער'יתום'ט געטוקט, און א פערבלאָנדזשעטע פליעג האָט ארום גלעזעל איינטאָניג געזשוזשעט...

אויפ'ן פענסטער וואָס אין דער וויים-געקאַלעכטער וואַנד איז א ווייס שטיקעל ליינוואַנד געהאַנגען נעבען וועלכען א פער־יתום'ט גלאָז וואַסער איז געשטאַנען, צו רייניגען די נשמה פון פערשטאָרבענעם, יעצט לעבעדיגען „בן יחיד", און שטיל עפּעס געמורמעלט, גלייך ווי ס'האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם פּלוצלונגען אָנקומען פונם פערשטאָרבענעם „בן יחיד" וועלכער האָט שוין „במילא" אויב צוריק לעבעדיג געוואָרען אין זיך אריינגעזאָפּט צוריק די נשמה... און פערשעהמט מיט אַן אראָבגעלאָזט קעפּיל שטום ווי געפרעגט, נשמה! וואו ביסטו? נשמה וואו ביסטו?.... און עס האָט זיך געדאַכט אַז אויך דאָס טויטע נשמה'לאָזעם שטיקעל ליינוואַנד האָט בעמערקט און פערשטאַנען דעם סוד פון דער גאַנצער דערמאָהנטער געשיכטע.

ווייבער פון ארומיגען געסעל, האָבען ארומדרעהענדיג זיך אין הויז, קענטיג אליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס געקרעכצט און מיטגעוויינט מיט דער יעצט קראַנקער מוטער...

און דאַן ערשט נאָכדעם ווי ער האָט שפּעט אין דער נאַכט זיין ליעד אויפגעהערט שפּיעלען, פלעגט ער ערשט פאַר שטונדען לאַנג פערזינקען אין טיעפען טראַכטען, וועלכעס האָט א בענקשאַפט נאָך וואָס... אין זיין האַרצען אַרויסגערופען, ביז ער איז ענדליך, העט שפּעט אין דער נאַכט, אויף דער שוים פון דער פרייער נאַטור מאַנכעס מאָל איינגעשלאָפען, און אין שלאָף געחלום׳ט פון ריידען.. שרייבען. און... און עפּעס א אונבעוואוסטע שטומע ליעבע מיט א שעהן, עהרליך יונג־ליעבליך מיידעל.

אזוי האָט זיך „יאַקוב״, דער איינזאַמער שטומער פויער געפיהרט, א שטיל עהרליך לעבען, ביז דער... דער גרויזאַמער שיקזאַל, האָט זיך אין זיין לעבען אַריינגעמישט און איהם געפיהרט צו אזא טראַגישער ענדע.

...דאָס איז געווען א שעהנער זוניגער מאַי־טאָג, ווען יאַקוב דער שטומער איז ביים וועג וואָס פיהרט צום נאָהענטען דאָרף מיט א זעקעל אויף׳ן פלייצע אליין געגאַנגען איבער׳ן פרייען פעלד, און שטיל פאַר זיך עטוואָס שטומעס געברומט, אונטער זיין פערשטאַפּטער אין שטויב איינגעטונקענער נאָז, מיט אמאָל האָט זיין האַרץ א ציטער געטהאָן, און איהם אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון א שטאַרקען שטורם אין זיין לעבען, און ווי נאָר ער האָט זיין קאָפּ אויפגעהויבען, האָט פאַר זיינע אויגען, פון דער ברייטער ברייטקייט פון טייך וואָס נעבען וועג, א שעהנע מיידעלשע נאַקעטע פיגור ער בליצט, און מיט דער אויסערגעוועהנליכער שנעלקייט פון א בליץ האָט זי מיט איהר נאַקעטער, ווייבליכער רייצבאַרקייט אין די הייליגסטע חדרים פון זיין נשמה אנגעקלאַפּט און איהם אונבעוואוסט צו זיך מאַגנעטיש צוגעצויגען — און אַך ווי מאָדנע ער האָט זיך געפיהלט! — ווען ער האָט אויפמערקזאַם בעאָבאַכטעט דעם שעהנעם קינסטליכען געבוי פון איהר נאַקעטען, געטליך שעהנעם קערפּער... און שטיל, מיט שטומער איבערלעגונג, האָט ער זיך אויפ׳ן זאַמד וואָס נעבען ברעג פון טייך אויסגעצויגען, און א שטילע שטומע „תפלה״ אין זיין האַרצען געמורמעלט.

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען, און די פאַר איהם נאַקעטע מיידעלשע פיגור איז פון טייך אַרויסגעגאַנגען, און אויך שטום אָהן ווערטער זיך אָנגעטהאָן און ווי דער פייל אויסען בויגען וואו פערשוואונדען.

יאַקוב איז היינט מיט מעהר פערזאָרגטקייט ווי אימער אהיים געקומען פריהער ווי „תמיד״, און ניט נאָר עסען האָט ער ניט געקענט, נאָר אויך ניט שפּיעלען, נאָר דאָך האָט ער זיין פלייט ניט פערלאָזט און געפּרואווט אויף איהר שפּיעלען א ביסעל, און דאַן האָט ער געקרעכצט און געזיפצט, און בעקלאָגט זיין שטומען שיקזאַל, אַך האָט ער זיך געטראַכט, ווען איך זאָל קענען ריידען... הם.. הם. און מיט גרויס אונגעדולד איז ער מאָרגען צו דערזעלבער צייט צום טייך געקומען, ווי א פערבאָרגענער האָט ער פון טיעפען גרינעם וואַלד וואָס איז נאָהענט צום טייך, שטום בע־

## דער שטומער פויער

שטעהט זיך א שטיבעלע אין פעלד, איינזאם אליין ווייט פון א ישוב, און א גאנצען טאָג פון זונען אויפגאנג ביז זונען אונטערגאנג איז דאָס עלענד אליין און פערלאָזען פון זיין „בעל הבית' „יאקוב" דער שטומער, און אין זיין טיעפען עלענד, טרוימט דאָס נאָר וועגען דאָס אָנקומען פון זיין שטומען בע"ב וועלכער פערברענגט זיינע אוועגטען אונטער זיין דאך, מיט דער זעלבער איינזאמער טרויעריגער שטומקייט פון דעם שטיבעל זעלבסט.

...ער א מענש גלייך מיט אלע מענשען, האָט א צונג נאָר קען ניט ריידען. א הארץ א ברייט פיהלענדעס, וועלכעס פיהלט זאגאר דעם קרעכץ פון די גוסס'דיגע זאנגען, געשלאָגען פון בייזע ווינד, וואָס קען אבער ניט דערצעהלען זיין וועהטאָג און שמערץ.

צוויי שווארצע טיעפע ברענענדיגע אויגען, קוקען מיט גלאנץ ארויס פון זיינע שטערען-ווינקלעך וועלכע דערצעהלען פון עפּעס א פּאָעטישער פערבאָרגעניש, און קענען דאָך ניט דערצעהלען דעם „סוד" פון זייער פּאָעזיע..

צוויי גאָטס געבענשטע הענד וועלכע קאָנען זאָגאר שטאָל ברעכען, און דאָך ניט אויפשרייבען זייער אייגענעם נאָמען, שוין אבגערעדט פון בעמאהלען די טיעף פּאָעטישע איבערלעבונגען פון זייער טרעגערס נשמה...

„יאקוב" איז געוועזן דער פינפטער זוהן פון א פויערישער פאמיליע, וועלכער האָט זיך נאָך דעם טוידט פון זיין פאָטער, אָבגעטהיילט פון זיינע איבעריגע ברידער, און זיך בעזעצט אין דעם אויבענדערמאָהנטען שטיבעל וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענד אליין אויסגעבויעט, אין א פערוואָרפענעם ווינקעל, ווייט פון א ישוב, און שטום אהן רעש און אָהן טומעל געפיהרט זיך א איינזאמעם עהרליכעס לעבען, בענוצענדיג זיך מיט די איינפאכע פּראָדוקטען פון זיין ארבייט.

פארנאכט! נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקעהרט פון זיין שווערער טעגליכער ארבייט, מיט דער סאפּע און אנדערע ארבייטס מיטלען אין זיינע הענד, פלעגט ער שטום אָהן ווערטער א שטרוי-פייעריל זיך אָנצינדען נעבען דעם שטיבעל, און וואָס זיך אבקאכען צו עסען, און דאן ערשט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוזאט אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען, האָט ער אויף דער ערד — נעבען דעם בארג-שטרוי וואָס פארביי דעם הויז אויף זיין פליט זיך געשפּיעלט, און געשפּיעלט אך געשפּיעלט! האָט ער זיין אייגענעם ליעד, וועלכעס איז געוועזן דורכאויס זיין אייגענע, נאטירליכע, ניט געקינסטעלטע נשמה-עלעגיע, וועלכע האָט א אויפמערקזאמען צושויער געקענט פערפיהרען, אין א גענוס־רייכען פאנטאסטישען טעמפּעל פון קונסט, וועלכעס האָט עראינערט אין די גוטע צייטען פון שלמה־המלך....

„מרה־שחורה” ארייננעפאלען און פלוצלונג ווי פערשוואונדען...

אין א שעהנעם פריהמארגען האט איהם א פישער א טויד־טען פון זעלבען טייך ארויסגעשלעפט. און דאס שטיבעל איז אויף אייביג פער׳יתום׳ט געווארען.

פלום־קולי יוני 20־טען 1917.

וואונדערט די אויסערגעוועהנליכע שעהנקייט פון דער זעלבער זיך באָדענדער יונג־פרוי

אין א וואָך ארום נאָך דעם ווי ער האָט יעדען טאג נאָכגעפאָלגט דאָס באָדען זיך פון דער זאָנדערבארער אויסערגעוועהנליך רייצענדער מיידעל, איז ער צו דער פון דער נאטור בעשטימטער צייט, ווידער צום טייך געקומען ווי די זעלבע שעהנהייט האָט זיך געבאָדען, און ווי נאָר ער האָט פון דער פערבאָרגעניש פון וואלד, בעמערקט, דאָס זי איז א אנגעטהאָנענע פארטיג צום געהען, איז ער מיט א פיבערישער שנעלקייט ארויס פון זיין בעהעלטעניש, און אהן א אבשטעל גלייך צו איהר צוגעלאָפען, און פאר איהרע פיס געפאלען, און אויס איבערנאטירליכען פיהלען, דעם שמערץ פון ניט קענען אין ווערטער אויסדריקען וואָס ער האָט דאן ווירקליך צו איהר געפיהלט, פאר וועהטאָג געוויינט און געמורמעלט, עט וואָס... זאָנדערבארעס, טראגיש פיהלענדעס. וואָס די ערשראקענע מיידעל האָט ניט פערשטאנען, און ווי נור זי האָט געפרואווט אנטלויפען פון איהם. האָט ער זי מיט א שטומער נערוועזיטעט ביים קלייד אנגעכאפט און זיך ליידענשאפטליך צו איהר קערפער געפרעסט און דעם זוים פון איהר קלייד צו זיך ליידענשאפטליך געצויגען — „אוועק דו פאָרליעץ" — האָט זי פראטעסטירענדיג צו איהם אויסגעשריען, און איבערלאָזענדיג אן זיינע הענט איהר שניי־ווייסעם אויבער־קליידעל איז זי מיט שרעק פון איהם אנטלאָפען און מאָמענטאל ווי פערשוואונדען.

יאקוב האָט לאנג געשוויגען און שטיל זיך צוגעהערט צו אלעם וואָס ארום איהם, און אזוי שנעל ווי ער איז צו זיך געקומען און וואָס פערשטאנען איז ער גלייך, מיט דער שנעלקייט פון א איבערגעשראקען קינד, אהיים געלאָפען מיט'ן קליידעל אין דער האנט, ווי נאָר ער איז צו זיך אין שטיבעל אריין האָט ער שטום צו זיך ליידענשאפטליך דאָס גערויבטע קליידעל געדריקט און מיט נאָך מעהר ליידענשאפט דאָס געקושט און צולעצט פאר כעס צוריסען און פאר צאָרן אנגעהויבען וויינען, ווי א אונשולדיג קינד, וואָס האָט „חרטה" אויף א שוין אבגעטהאָנענער „עברה' — און שטום שרייען ווי א... „בהמה" אהן א לשון...

א שרעקליכע שלאָפלאָזע נאכט פון בייזע חלומות איז יענע נאכט פאר איהם געווען, און דאָך איז ער צו דער בעשטימטער צייט אויף מאָרגען ביים טייך געווען און צו זיין טיעפען שמערץ מיט אן אראבגעלאָזטען קאָפ אהיים געגאנגען, ווען ער האָט זי שוין דאָרט ניט געטראָפען, א לאנגע צייט נאָך דער דערמאָהנטער פאסירונג.

מיאום איז איהם ביסלעכווייז דאָס לעבען געוואָרען, פארנאכט האָט ער מעהר אויף זיין פלייט ניט געשפיעלט און בייטאָג האָט ער זיין ארבייט פערנאכלעסיגט, ביז ענדליך ער איז אין א

זיך אזוי גיפטיג איין אין מיין מארך מיט זיינע שטאָלענע נעגעל, וועלכער רופט ביי מיר נאָר ארויס פערדראָס און פעראכטונג, און ווען נאָר איך פערטראַכט זיך וועגען דעם דאכט זיך מיר דאָס אין די אלע 4 יאָהר פון זינלאזען לעבען וועלכע כ'האָב פערבראכט אין דער גרויסער שטאָט איז דער שטאָלענער הו הא געווען איינגעהילט אין א פראסטיג־קאלטען, שנייאיג־ווייסען ווייכען „מלבוש" וועמענס גע־רויש עס האָט זיך פערלוירען אין זיין ווייכקייט און מיך דע־ריבער דירעקט ניט געקענט פעראינטערעסירען אין זיין וועזענטלי־כען אינהאלט, אצינד אבער ווען די פריהלינגס זון שפּארט זיך שוין דורך מיט איהרע ווארימע שטראהלען דורך די גראָהע וואָל־קענס פון אבשטארבענדען ווינטער, און דער ווייכער מלבוש פון זיין שנייאיגען געוואנדט, פערלירט אונטער זייער ווירקונג זיין פּו־כיגע ווייכקייט, לייטערט זיך דער שטאהלענער גערויש ביסלעכ־ווייז אויס, און זיך איינעסענדיג, ווי זיין „טבע" איז שוין — אין מענשליכען מארך, געפינט ער אויך ענדליך איין אבקלאנג אין מיין אויפרעגענדען געמיטה...

מערץ 13־טען 1917.

## פראגמענט
(אויס מיין טאגעבוך)

א צום טייפעל! צום טייפעל, מיט דער גרויסער שטאָלענער שטאָדט!

שוין באלד פיער יאָהר זייט איך דרעה זיך אַרום ווי א פערבלאָנדזשעט שעפעלע אין סאמע מיטעל־פונקט פון דער גרויסער שטאָלענער שטאָדט... וואו אלע קאָנטראסטען פון לעבען גיסען זיך צוזאמען אין איין ווילד־שרייענדען עכא וועלכער צערשטערט די פון קליינעם שטעדטעל אריבערגעבראכטע, נאאיווע אונבעוואוסטע לעבענס פערטראכטונג נאָך וועלכער עס בענקט זיך אזוי שטארק!

א! ערשט יעצט! ערשט יעצט! פיהל איך און פערשטעה דעם ווערטה פון דיין שטילען רוהיגען וועבען — קליין עהרליך אין טויזענדער סודות איינגעהילטעם שטעדטעל!

וואו זענט איהר, איהר שטילע און טרוימען איינגעהילטע שמאָלע געסלעך? א! ווער! א ווער האָט מיך פערטריבען פון אייך?!

פיער יאָהר לעבען! פיער יאָהר לעבען זיינען ביסלעכווייז אוועק מיטן ווינד פון גרויס־שטאָדטישען „הו־הא״, און ערשט יעצט! ערשט יעצט, וואָס זאָג איך יעצט? — אָט אצינד ערשט אין דיעזען מאָמענט פון טראגישען לעבען, האָב איך זיך דערוואוסט אז.... איך לעב אין א גרויסער גאנץ גרויסער שטאָדט ווייט פון מיין אורשפרינגליכער היימאט, ווי כ׳האָב דעם בעסטען בליהונגס פעריאד פון מיין לעבען דורכגעמאכט, אָט אין דיעזער גרויסער פערגליווערטער שטאָדט ווייט פון פריינד, אבגעריסען פון ליעבענדע „יוגענדס חברים״ וועלכע זיינען אמאָל געווען א טהייל, א גאנצער געזונדטער טהייל פון מיין „איך״ דרעה איך זיך ווי א פערבלאָנדזשעטער ארום און זוך דאָס וואָס כ׳וועל פילייכט קיינמאָל ניט געפינען, א מיינע טהייערע! וואו זענט איהר? וואו זענט איהר? וועבט איהר נאָך אלץ אייערע יוגענדס טרוימען אין וועלכע מיר פלעגען אמאָל אונזער גליק געפינען? אויף דער שווים פונ׳ם קליינעם אין הארצען איינגעבאקענעם שטעדטעל? אדער איהר בלאָנדזשעט פילייכט אויך ווי איך ערגעץ וואו ארום אויף פרעמדע פעלדער, און בענקט גלייך מיט מיר נאָך דאָס, וואָס דער „שומר״ פון לעבען לאָזט זיך ניט ענטפלעקען פאר אונזער מענשליך שכל׳דיג אויג? א! וואו זענט איהר? — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך קיינמאָל בעפאר האָב איך אזא האס און פעראכטונג ניט געפיהלט צו דער גרויסער רוישיגער שטאָדט ווי היינט ביינאכט, איך זיץ ביי זיך אין צימער און לעז, און פון דרויסען דערטראגט זיך צו מיר דער גערויש פון די טראמוואיען וועלכער עסט

„זיין אדער ניט זיין"

כ'געה אין דער פינסטער ארום

— — — — — — — — — — — — — — —

כ'האב א צונג דאך בין איך שטום
הערט דען ווער מיין הערצענס שטים?
מיעד בין איך פון גאנג פון לעבען
כ'פרעג וואס איז דער זין, דעה זין פון שטרעבען?

— — — — — — — — — — — — — — —

כ'געה אין דער פינסטער ארום

מיין וועג איז פינסטער אונבעלויכטען

— — — — — — — — — — — — — — —

זאג שיקזאל צי זאל איך געהען
פיעלייכט וועט וואס, דאך געשעהן
אך דאס געהען.. דאס געהן.. דאס געהען..
ווער פון אונז דעם וועג טהוט זעהען?

— — — — — — — — — — — — — — —

מיין וועג איז פינסטער אונבעלויכטען

כ'האב געוועבט כ'האב געפונען

— — — — — — — — — — — — — — —

א וועג וואס פיהרט צום „זיין"
ווי יעדער „איין" איז „מיין" ניט „דיין"
אויך דעם וועג פון „ניט זיין"
האט ערבליקט מיין אויגען'ס שיין.

— — — — — — — — — — — — — — —

כ'האב געוועבט כ'האב געפונען

וואוהין?.. וואוהין?.. וואוהין?..

— — — — — — — — — — — — — — —

זאג שיקזאל מיר וואוהין צו געהן
כ'פרעג ביי דיר מיט געוויין
דא איז פוסט, ווער ווייסט ווי דארט איז?
אך מיך שוידערט, ס'איז מיר ביטער.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואוהין?.. וואוהין?.. וואוהין?..

# געמישטע ליעדער

## א קאָמפּראָמיס מיט די זונען שטראַהלען

ווער האָט אייך געבראַכט אהער זונען־שטראַהלען
צו מיר אין מיין טונק׳לען פינסטערען גרוב?
זאגט מיר צי ווירקליך בעגילדען בעשטראַהלען
מיין איינזאַמעס לעבען, ז׳אייער גאָטס בערוף?

אך יא! כ׳פערשטעה פון איי׳ר זוניגען וועבען
אייערע אייביגע פליכטען פון גאָט געגעבען!
ליידער... נאָר ליידער, פערזאַמט האָט איהר קומען,
פון הימלישען־רוים, צו מיר לאַנגזאַם געשוואומען.

און יעצט אך יעצט!
ווען פון גלויבען פערלאָזען בין איך
ניט שטערט מיר, כ׳בעט אייך...
איהר רייצענדע שטראַהלען,
מיין איינזאַמעס לעבען —
נאָך אייך טהוט ניט גאַרען....

אויב מעכטיג ווי גלוט, ווי פייער איהר זייט,
אייער נעץ פאַר מיר, צולעצט פערשפּרייט
שלינגט איין מיין וועזען —
ז׳געוועלב פון אייער פייער
ברענט אוים מיין נשמה מיין האַרץ
מיין לעבען שוין לאַנג —
מיר איז ניט טהייער....
אך שווידערהאַפט ברענענד ז׳מיין וועלטען־שמערץ.

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען אייער אַרבייט וועט זיין פערביי
זוניג שיינענד שטראַהלט אויף אויפס׳ניי....

## וועלט און מענש

איך לאַך אַ מענש! איך לאַך פון דיר
אבוואָהל אליין בעהערשסטו מיר!
דיר העלפט קיין תפלה און פראַטעסט ניט
די שטערבליכקייט פערפאָלגט דיך אימער

צו'ר צייט און לעבען ביסט אונטערוואָרפען
און פאָלגסט זי ניט, טהוט זי דיך שטראָפען,
אין לויף פון יאָגען זיך נאָך גליק —
פון לעבען זעלבסט ווערסטו דערשטיקט...

אין קבר צו פוילען אלס שפייז פאר'ן וואָרים
פער'משפט ביסטו פון לעבענס שטורם...
ווען דיין „זיין" איז צו ענד
שיקזאל נאָר ווערט דיין מאָנומענט...

פון דיר אליין ניט בלייבט קיין שפור
„איך" נאָר לעב און ווייטער גאר!
דיר העלפט ניט קיינער אין דיין נויט
פערגעסענהייט פאָלגט נאָך דיין טויט.

ווען דיין טרוים איז פערביי
אליין איך לעב זיך פריי...

## צו מיין שאטען

ווען איך געה אליין אין גאס
דאכט מיר ווער פון אונטען
פאָלגט און יאגט מיר נאָך,
שטיל פערפאָלגט א שאטען מיך
אין שווארצען איינגעהילט;
זאָג מיר שאטען ווער דו ביזט
וואָס פערפאָלגסט מיך אימער?
וואָס אזוינס איז דיין בערוף
וואָס דו שרעקסט מיך אימער?!
צי דען ניט ביסט דעם טויטס „שליח"
מיך פון לעבען צו פעריאגען?
זאָג מיר! זאָג מיר, שווארצער רוח
טהו מיך דאָך ניט פלאָגען!
צו וואָס? צו וואָס אין קבר מיך פעריאגען?...

## נאכט!

פון טונקעלען גראהליך געפלעקטען הימעל
ווינקען קריסטאָלענע שטערנדלאך פיעל,
לאנג איז פערביי דער רויש דער טומעל,
נאכט שלאָפט איין דער וועטער איז קיהל.

הארמאָנישע קלאנגען פון א לירישער שטימע
שניידען דורך ד׳נאכטליכע דופטענדע לופט,
קיהל איז ארום, רוהיג אומעדום...
נאכטיגאל לאזט הערען איהר זיסע שטים....

א ווינטעלע וואויעט, און פייפט זיך א ליעדעל
בוים׳עלעך קרעכצען, און סוד׳ען זיך פיעל...
אבגעריסענע טענער פון א שפיעלענדען פיעדעל
צושטערען די רוהיגקייט וואָס הערשט ארום מיר.

## דער פעלד ארבייטער

ס׳ווינקט דער טאָג צו איהם אריין
און לאסטשעט איהם, דורך מאָרגען-שיין
קום.. קום.. קום..
זינגט צו איהב פריה־מאָרגענס שטים.

ד׳זון בעגילדעט זיין פנים
און רופט איהם און רופט איהם אין פעלד
צום קישען זיך טוליעט, דער לעבענס היילד
פאר׳ן טאָג פארבאָרגט ער זיין פנים.

ר׳ליגט און טראכט
פון א קיהלער נאכט,
דער טאָג נאָר חרינגט —
אריין אין זיין צימער,
פון לעבען ר׳זיינגט
אָהן זארג אָהן קומער....
דער מענש נאָר חלום׳ט פון רוה
אין צימער ביי זיך אין דער פריה.

נאָר אט שוין קלינגט דער זייגער
אייליג פערלאָזט ער, זיין געלעגער
אין פעלד שוין אקערט ער און זעעט....
ביז די זון פארגעהט....

* * *

ביי דער שיין פון'ר לבנה
האָב איך דיך געזעהען
און טיעף אין מיין הארץ
בעוואונדערט דיין „חן"
און וואו נאָר איך בין
פון דאן אָן געווען
פערפאָלגט האָט מיך אימער
דיין מיידעלשער „חן",
און יעצט א יעצט!
ווען דו ביסט פערשוואונדען
אין אייביגען געהן...
ביי'ר שיין פו'ר לבנה
טהו איך שטום בענקען
נאָך דיר מיין געליעבטע
דו אייביגער טרוים.....

## א געבעט

גאָט מיין גאָט
ניט פלאָג מיין פאָלק ניט פלאָג.
פליסען לאָז זיי —
לאז זיי איבעראל,
אטהעמען פריי —
איבער׳ן גאנצען וועלטען-אל

* * *

ס׳האָט מיך ווער
פערפירט א הער
געגען מיין געוויסען

צינד פערלאָז איך
דיך מיין שווער
געגען דיין געוויסען

## צו מיין פאָלק

(געוויד. די נאצ. אנשויאונגען פון מיין ח' מ. מיללער)

פאָלק מיין פאָלק
וואָס זינקסטו יעצט?
וואך אויף! וואך אויף!
נים שלאָף נים שלאף!

צובלאָז דעם האס —
וואָס דו בעזיצסט,
אויף יענעם... האס
צושטירץ, צושטירץ!

גענוג שוין זינגען
גענוג שוין פלאגען זיך
בעפריי זיך זעלבסט
נים שלאף שוין מעהר.

ערוואך! ערוואך!
וואו ד'וועלען פון א טייך
פאָרווערטס געה
די וועלט בעריייך.

## דער אייביגער וואנדערער

איבער שטעגען און וועגען
אין שטורם'ס און רעגען
וואנדערט ער איינזאם ארום,
דאָ ניט שטעה
אהער ניט געה
הערט ער פון ערגעץ א שטים

מיט'ן שטעקען אין האנט
„אהן א היים אהן א לאנד"
ג'דולדיג ער וואנדערט שוין לאנג
פון יעדען געיאגט
אימער געפלאגט
שטורמיש ס'וואקסט זיין היימאט'ס פערלאנג

## קום מיין ליעבינקע מיין טהייערע

(ד. ל ס ג׳ציווידמעט)

קום מיין ליבינקע, מיין טהייערע
לאָמיר שטייגען הויך ארויף...
דאָרט וואו ניט קיין מענש און חיה...
וועל איך בויען פאר דיר א הויף.

אויף, גיכער, אויף גיכער קום לאָמיר פליהען
דאָרט וואו אייבינקייט טהוט פייעריג גליהען...
פארוועדטס אלץ לויפען לאָמיר ווייט אוועק —
אך שווער איז צו גרייכען אייבינקייטס ברעג...

קום זשע וואָס גיכער, מיין ליעבינקע מיין טהייערע
פערליר ניט קיין צייט, קיין מינוט קיין ווײלע....
די צייט זי לויפט מיין ליעבינקע מיין טהייערע
כ׳לעבען א שאד צו פערלירען א ווײלע.

## צו א מיידעל

וואו ביסטו, א ליעבע
א טהייערע מיינע?
ווער האָט דיך בערויבט,
בערויבט פון מיר.
זאָג מיר, א זאג מיר
דו ליעבינקע איינע
צי איז נאָך וואו דאָ
אזא ליעבינקע שעהנע
ווי דו ביסט, פאר מיר—
אמאָל געוועזען.

אך! ווי דום
כ'בין דאן געוועזען
ווען דו האָסט געקלאפט
געקלאפט אין מיין טהיר,
צינד בין איך, פון דיר פערלאָזען
ס'העלפט ניט מיין בענקען
מיין בענקען נאָך דיר.

*

*　　*

צו וואָס זיך יאָגט איהר כיענשען־קינדער
יעדער ,,איין'' פאר זיך בעזונדער?
ניט ,,מיך'' ניט ,,דיר'' אויך ''אונז'' ניט ''זיי'' —
קימערט יעמאנדס ווען־געשריי
האסטיג יאָגען מיר פאראויס —
אליין ניט וויסענדיג פאר וואָס,
און יאגענדיג און וועבענדיג
און שאפענדיג און שטרעבענדיג,
פאלען מיר ווי פליגען פיעל
ניט גרייכענדיג קיין ענד קיין ציעל...

*
* *

איינזאם אליין אין מיין צימער פערבארגען
פאר דער וועלט און מענשהייט, טהו איך שטיל זארגען
ביינאכט ווען אלעס רוהט און שלאפט
איך אליין בין פון גאט נור געשטראפט.

בייר שיין פון מיין ליכט, זיץ איך איינזאם פערטראכט
און חלום א לעבען פול גלאנץ און פול פראכט
ביסלעכווייז, ביסלעכווייז מיין ליכטעל טהוט צאנקען
אין א ים פול חלומות, ווער איך פערטרונקען.

* * *

א

עס רופט א שטימע מיר פון ווייטען
צו דעם לעבען פון פערצייטען,
וואו דאָס לעבען איז נאאיוו
אהין מיך רופט דער לעבענס רוף.

ב

אָך ווי שעהן די שטימע קלינגט
וואָס פון ווייטען צו מיר זינגט,
און דאָס לעבען ווינקט צו מיר
אָהן אן אויפהער אָהן א שיעור.

ג

דאָך ווי צוגעשמידט צו וואָס
בין איך אימטער אויף איין ארט,
פרעג איך זיך דעם סוד פאַרוואָס
קלינגט א שטימע, פרעג ניט דאָס!...

## דער בעאבאכטער

וועז אלעם רוהט
פון גאט בעהיט
יעדעס אויף זיין ארט!
נאר איך אליין
פון ווייט טהו זעהען
יעדען פון זיין סארט!

ווען אלעס איז וואך
סיי ארים, סיי רייך
אין העלען גאנג פון לעבען...
פון ערגעץ וואו —
הער איך צו
דעם שטיל־געוויש פון שטרעבען...

*
* *

א שלאנקע שטאָלצע אוידעלע פיגור
א געקרוינטען קאָפּ גערדיכט בלאָנדע האָר
אויגען הימליש בלוי קאלירטע
ברעמען צוויי בלאָנד בעציערטע
ו אזע צארטע פולע באקען
א פעכיג גלאטער האלדז און נאקען
קלאָהרע ווייסע צייהן ווי שניי
קארשען רויטע ליפען צוויי.
וויים געקלייד'ט פון קאָפּ ביז פוס
הימליש שיינט זי ווי גאָטס א ריעז,
איהר פרעגט ווער איז אָט די נשמה
ניט פרעגט, נאָר גלויבט! ס'איז מיין נחמה....

## צום גלויבען

גלויבען! גלויבען!
גוט האָב איך —
געפיהלט מיט דיר,
ווער האָט דיך —
געטהאָן בערויבען
אזוי יונג פון מיר?...

* * *

גע'חלום'ט האָט די וועלט
פון פריעדען און גליק
און א טייך בלוט און טרעהרען
די מענשהייט ווערט דערשטיקט.

געשאפען און געבויט —
דער מענש האָט פיעל
ז'פערניכטונג ביז צו טוידט.
זיין לעבען'ם ציעל?...

## א צוקונפטס בילד

זאג מיר מאמע וואו איז טאטע?
האָט א קינד געפרעגט א מאָל

ניטאָ דיין טאטע אויפ'ר וועלט שוין
דאָס איז אלעם דאָס איז גאר

אבער דאָך האָט ער געלעבט —
זאָג מיר מאמע ווען אמאָל?

יא געלעבט פאר יענעם האָט ער
און געשטאָרבן היינט א יאָר

און געפאלען אויף פאר יענעם
פאר א טרוים גאר ניט קיין שעהנעם...

צינד פערלאָזען זיינען מיר
אך ווער וועט שיצען מיך און דיר?...

## צום לעבען

לעבען לעבען אייביג לעבען!...

ווער האָט דיך דער וועלט געגעבען?

מיט דיין וועבען, מיט דיין שטרעבען

וואס אזוינס האסט אונז געגעבען?...

## מיין הארץ

עס נאָגט... עס נאָגט און עס נאָגט...
עס ציהט... עס ציהט און עס ציהט...

ס'טרייבט מיך ווער און יאגט... און יאגט...
מיין פלאגענדע זעעל ווערט אימער געפלאָגט....

גלוטיג גליהט מיין הארץ עס גליהט...
עלענד בין איך, שוין לאנג ניט גערוהט...

*

*   *

מיר דאכט איך בין שוין ווייט אוועק.
דאָך ווייט בין איך
פון לעבעגס ברעג
מיער בין איך, גענוג שוין מיער
מיין גייסט אבער נית רוהט, נית רוהט.
עס ציהט מיך ווייט און ציהט און ציהט....
מיין הארץ וואָס גלוטיג גליהט און גליהט...
ווייט בין איך פוןביידע ברעגען
ניטאָ ביי וועמען —
וואָס צו פרעגען.

## דער מוזיקאנט.

(טשארלס מענינג געווידמעט)

איך שפּיעל ניט ווען איך וויל
אויך ניט ווען איך פיהל
אך! צומאָהל צומאָהל —
צומאָהל ווי שלעכט איך פיהל!
דאָך וואָס קימערט יענעם,
איך דארף און מוז און שפּיעל.

* * *

צו יצחק'ן מיין פריינד.

דער צייט-גייסט קלאפּט אין מיין טהיר
ר'הייסט זיך שיידען, מיר פון דיר,
דער לעצטער וואונש פון מיר צו דיר
ז'לעבען רוהיג א צינד אָהן מיר.

## צום שיקזאל

שווייג דו פינסטער שיקזאל!
ניט שטער, ניט שטער מיין לעבענס קוואל
ברויזענד־יונג ז'מיין ווילען'ס קראפט
פון דיר איך לאך, דו אויבערמאכט!

*
* *

אין שפּיגעל דער צוקונפט
פערלירסטו דיין חן
מיין ליעבינקע טהייערע
מיידעל!
דאַרף ניט זאָרג
מיין קינד מיין טרייסט,
מיין איינציגע נחמה!
ווייל צו טהייער איז ד׳צייט
צינד צו טרוימען יענעם חלום,
יענעם חלום, פון׳ר צוקונפט
וואָס פערליערט זיין שיין,
אינ׳ם שפּינעל פון׳ר „צייט"
וואָס נאָך ווייט פון אונז.
שווייג זשע קינד
קום הער צו מיר
קוק ניט ווייט אוועק!
לאָמיר לויפען, לאָמיר פליהען
צו דעם לעבענס ברעג...

## צו מיינע חברים קריטיקער.

איהר זאָגט איך בין קיין דיכטער
ווער דען זאָגט אז יא?
צי איהר אבער זייט ריכטער
צווייפעל איך אויב יא!

אויב יא א דיכטער בין איך
ווער פאר אייך דען דיכט?
פאר יעדען יעדען פאָלקסשיכט
מיין געדיכט איך דיכט!

## פראגמענט

שכל און געפיהל געאייניגט האבען זיך
ביידע ווי איין שטיקען שטיקען מיך
שכל זוכט דעם סוד, דעם סוד פון לעבען
געפיהל מיך פרעגט, צו וואס, צו וואס ניט שטרעבען?

שכל גארט דעם זין דעם זין פון לעבען
געפיהל מיך נארט שטילערהייט טהוט שטרעבען
עס שטרעבט אונבעוואוסט דער געפיהל מיין געפיהל
דער שכל ער בלאנדזעט ווייט אין דער שטיל...

## צו א געליעבטער

לער'ן מיין טהייערע לער'ן לער'ן...
דיין בילדונג איך נאר גער'ן.. גער'ן....
ביי אלעם וואָס טהייער טהו איך דיר שווערען
אז דאן וועל איך גער'ן „דיין" ווערען...

*
* *

## צו א קינד

קום הער מיין קינד
קום הער געשווינד
א קוש מיר גיב
מיר הייל מיין וואונד

מיין בלוט ס'רינט
מיין טיי'ר קינד
קום הער געשווינד
כ'שטארב א צינד.

## צום נייעם יאָהר

פריער צו דיר
ניי־יאָהר מיין קינד!
קום געשווינד,
ניט ברענג קיין זינד...

*
*   *

גאָט מיין גאָט!
גיעב מיר אדלער פליגעל צוויי
לאם איך פליהען ווייט אהין...
ס'וועלקט א ליליען־אונשולד, זעה!
וויין צו פליהען מיר וואוהין...
א שאר מיין יוגענד, א שאר!

## דער פּאַסטוך און דאָס שעפּעלע

בלאָנדזשעט זיך א שעפּעלע אין פעלד
עלענד אליין אין טיעפען גראז
זוכט דער פּאַסטוך וואו אין פעלד
א פערלוירען קינד פון זיין סטאדע.

מע.. מע.. מע..
שרייט פון ערגעץ וואו א קול
קום הער מיין קינד... קום הער מיין קינד...
רופט פון ערגעץ וואו א שטים.

## דאָס ארימע פויגעלע

פליהט א פויגעלע אין וואלד
ווייט אליין אין פעלד
ס'זוכט און גארט נאָך וואָס...
וואָס ווייט פון לעבען גאָר אין גאנצען

ס'פליהט, פליהט און פליהט...
אָהן אן אויפהער פאר א ווייל
הערט פון וואו א שאס, א טראָך זיך
ז'סליגט שוין טוידט און רוהט...

*
* *

ס'וואנדערט א גייסט ארום אויף דער וועלט
ר'האסט און ליעבט, בענשט און שעלט
דעם צוועק פון לעבען וואס אויף'ר וועלט
זוכט ער אין לעבען און וועלקט און וועלקט...

*
* *

ניט פרעגט מיך ווער „איך" בין
צי האט מיין „זיין" א צוועק א „זין"
כ'בין ניט דא, כ'בין ניט דארט
כ'האב קיין היים, כ'האב קיין ארט.

*
* *

ניט פון ליעבע טהו איך טרוימען
ניין א ניין! א ניין!
דעם בעשעפער פון די טרוימען
טהו איך גארען זעהען...

*
* *

איך האס דער וועלט'ס גערויש געטומעל
פערליעבט בין איך אין בלאהען הימעל
ס'עקעלט מיך דער מענש דער קליינער....
בעצויבערט בין איך פון לופט דער ריינער

## שעפּפונג

....שטיל און רוהיג אומעדום
אלעס שא איז טוידט און שטום
האָט ווער נאָר געטהאָן א ברומ
זיך בעוועגט האָט וואָס ארום...

* * *

ניט לעב, ניט שטרעב
ניט שאף ניט וועב
זאלאנג ניט שעצסט
דעם לעבענס ווערטה.

* * *

ניט ווײן מײן קינד, ניט ווײן
דאָס וואָס איז געשעהען
די וועלט שוין וועט ניט זעהען.

* * *

ניט ווארט אויף יענעם'ס הילף מײן פריינד
זאלאנג נאָך ביסט א טהייל פון „היינט"
זײ זיך זעלבסט נאָר ניט קיין פיינד!
דאָס גענוג וועט זיין מיר שיינט.

* * *

ד'לבנה ווינקט צו מיר און לייכט
ווען אלעס רוהט ז'שלאָפט ביינאכט
זיץ איך זיך אליין ז'טראכט
מיין ליכט ס'צאנקט ניט מעהר ס'לייכט.

*
* *

גאָט מיין גאָט דו וואָס אין הימעל
צו וואָס מיך פלאַגסטו אזוי שטארק?
ארויף מיך לאָז נאָר ארויף דעם בארג
דערנאָך קיין פלאָג ניט קארג, ניט קארג.....!

*
* *

אונענדליך גרויס איז די וועלט
געפיבערט פון שטורם, היץ און קעלט,
פוסט און לעער איז איבעראל
דער אין רוים געהילטער וועלטן-אל.

*
* *

ביימאָג און ביינאכט
וויינט ער און לאכט,
אימער פערטראכט
פון יעדען פעראכט.

*
* *

ווען כ'געה אין וועג אליין
טהו איך אלעם זעהען,
האָט וואָס וואו געשעהען
טהו איך וואָס פערשטעהען.

ווער האָט מיך פערוואָגעלט פון פריינד?
מיין גלויבען צובראכען צושטערט מיין היינט....
פערלאָשען מיין שטערען וואָס אמאָל ט'געשיינט
ביים גרעניץ פון „זיין" מיין „איך" צוביילט...

*
*　*

א זאג מיר ליעבע וואָס וועט זיין?
ווען אויך ניט דו וועסט ווערען מיין
צי דענקסטו לעבען וועט זיך לוינען
אין פוסטען רוים איינזאם וואוינען?.....

די צייט ניט שטעהט.. ניט שטעהט.. ניט שטעהט..
איהר אויבינגען גאנג זי וועבט... זי וועבט...
פערניכטען טהוט זי אלעם וואָס שטרעבט
צוזאמען דערמיט וואָס לעבט וואָס לעבט...

חלום איך א טרוים א שעהנעם
האָב איך קיינעם
בענקט מיין הארץ נאָך וועמען
טהו איך שטיל זיך שעהמען.

פרייז 30 סענט

PJ 5054
B76
B65
1917

Printed at the Israelite Press, Limited
WINNIPEG.